**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאך צוריק עפענונגען פון הויפט מערב ניו יארק הייוועיס נאכפאלגנדיג דעם היסטארישן שניי שטורעם**

***ערי קאונטי טיילן פון I-190 און סטעיט רוטס 5, 33 און 198 צו פולקאם צוריק געעפנט ווערן 12 אזייגער היינט נאכט***

***אלע הויפט סטעיט הייוועיס אין מערב ניו יארק וועלן יעצט זיין אפן***

***סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און טרו-וועי אויטאריטעט זעצן פאר צו ארויסהעלפן לאקאלע אינסטאנצן מיטן שארן שניי***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט אז אלע הויפט סטעיט הייוועיס אין מערב ניו יארק וועלן זיך צוריק עפענען היינט נאכט ביי חצות נאכפאלגנדיג איינס פון די מערסטע מאכטפולע ווינטער שטורעמס אין די היסטאריע צו באטרעפן ניו יארק סטעיט. סטעיט רוטס 5, 33 און 198, און אויך די ערי קאונטי חלק פון אינטערסטעיט 190 וועלן פולקאם צוריק געעפנט ווערן. טראנספארטאציע דעפארטמענט און טרו-וועי אויפהאלטונג קרעפטן, אין צוזאמענארבעט מיט ערשטע הילף מאנשאפטן און לאקאלע אינסטאנצן, האבן געארבעט אן אויפהער אין די לעצטע פאר טעג צו שארן די לאקאלע ראודס פון שניי און פארלאזטע קארן צו פארזיכערן אז די הייוועיס זאלן קענען צוריק געעפנט ווערן ווי שנעלער מעגליך. די עפענונגען קומען איין טאג נאך וואס די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90), I-290, I-990, סטעיט רוטס 400 און 219; אויטיילן פון די I-190 אין ניאגארא קאונטי און צפון פון די I-290 אין ערי קאונטי זענען צוריק געעפנט געווארן פאר טראפיק.

"מיר ארבעטן ארום די זייגער צו העלפן מערב ניו יארק זיך ערהוילן פון דעם היסטארישן ווינטער שטורעם, און מיר וועלן נישט אויפהערן ביז די ארבעט איז פארטיג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין גאר דאנקבאר פאר אלע הייוועי אויפהאלטונג מאנשאפטן, ערשטע הילף מאנשאפטן און עמערדזשענסי שטאב מיטגלידער וועלכע זענען פאר צו ארבעטן מידלאזערהייט צו העלפן זייערע ניו יארקע שכנים."

סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און טרו-וועי קרעפטן בלייבן אויפן שטח צו שארן די שניי אויף די לאקאלע געסער אריבער מערב ניו יארק, ווי אויך צו אוועקבלאזן שניי און אנלאדענען און שלעפן שטרויכלונגען פון די ראודס. ביז היינט האט די טראנספארטאציע דעפארטמענט ארויסגעשיקט פינף כוואליעס פון מענטשליכע כוחות און עקוויפמענט, און זיי האבן מאביליזירט נאך מיטלען אונטער קאנטראקט צו העלפן אפרוימער לאקאלע געסער און ארויסצוהעלפן באפעלאו סיטי און לאקאלע אינסטאנצן מיטן שארן די שנייען. די טרו-וועי אויטאריטעט האט ארויסגעשיקט צוויי צווייטע כוואליעס פון מענטשליכע כוחות און עקוויפמענט צו מערב ניו יארק, און זיי וועלן שיקן נאך אויב די אומשטענדן פארלאנגען דאס.

פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן בעפאר, דורכאויס
אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט nys.org211.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418